Bild-Nr.: JG1167-0-01-0176-0349 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



# שאול פינחס ראבינאוויץ

## (שפ"ר).

**געבארען אין טאווריג תר"ה, געשטארבען אין פראנקפורט כסלו תרע"א.**

אלע די וואס האבען פערזענליך געקענט אט דעם דאזיגען קליינינקען, דארינקען, מיט די לאנגע צופודעלטע, זעלטען פארקעמטע האר, מיט דעם שטענדיג פארכמארעט פינסטערן פנים — האבען זיך אויף קיין פאל ניט געקענט פארשטעלען, אז אין דעם דאזיגען ניט־באמערקבארען מענשעל געפינט זיך א זעהר ליכטיגע נשמה, א ברייטע הארץ פול מיט געפיהל און רחמנות, א טיעף דענקענדער מח, פול מיט תורה און חכמה, א גרויסער ווילענסקראפט און א געוואלדיגע ענערגיע. שאול פינחס ראבינאוויץ איז געווען א גדול מחבריו אויף אלע געביטען. אין לומדות איז ער העכער געשטאנען פון אלע משכילים אין זיין דור, און שפעטער, אז ער האט זיך גענומען צו השכלה, האט ער, טראץ זיין ארטאדאקסישער הנהגה, פיעל מעהר אויפגעטהאן פאר דער השכלה, ווי די מייסטע משכילים פון זיין צייט. ער איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וועלכער האט געשאפען אן אויספיהרליכע אידישע היסטאריע אין א קלאסישען העברעאיש, א מייסטער־ווערק, וואס וועט בלי ספק אריבערלעבען די אלע אנדערע שאפונגען פון זיין צייט. שפ"ר איז געווען דער ערשטער העברעאישער רעדאקטאר, וועלכער האט אפגעשאפט בטלנות און איינגעפיהרט א פיינעם אייראפעאישען געשמאק אין דער אידישער פרעסע. געווען א כלל־טוער פאר עקסעלאנס, א פארטרעפליכער ארגאניזאטאר און געהערט צו די פיאנערען פון דער ציוניסטישער באוועגונג. ער האט אויך ארויסגעצייגט גרויס טאלאנט אין דער פעדאגאגיע, בעת ער האט זיך אין דער יוגענט דערמיט באשעפטיגט. א חוץ די אלע מעלות האט ער אויך געהאט די מעלה פון „יאה עניותא לישראל", אבער די מעלה האט איהם, ליידער, פארביטערט זיין לעבען, דורך איהר האט ער זיינע גאנצע יאהרען פארבראכט אין דאגות און דחקות, אין צער און יסורים, און האט איהם שטארק געשטערט אין זיינע שאפונגען.

שאול פינחס ראבינאוויץ איז געבארען אין יאהר 1845 אין דער שטעדטעל טאווריג (קאוונער גובערניע), וואו זיין זיידע, דער באוואוסטער גאון ר' שימעלע בירזער, איז געווען רב. געלערענט תורה, צו־

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

ערשט ביי זיין פאטער, שניפישקער רב, און דערנאך אין דער ישיבה פון רבי יעקב ב׳ריט אין ווילנא. צו צוואנציג יאהר האט ער שוין באקומען סמיכות, אבער אנשטאט צו זוכען א רבנות־שטעלע, האט ער זיך גענומען צו בילדונג. זיין ערשטער לעהרער אין שפראכען איז געווען א דייטשער גלח. אבער אזוי ווי ער איז שוין דאמאלסט געווען נאך דער חתונה און געברויכט צו זארגען פאר חיונה, פלעגט ער מוזען אפגעבען די בעסטע צייט אויף צו לערנען מיט קינדער. א דאנק זיין גרויס התמדה און אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען האט ער אין משך פון דריי יאהר גרינדליך ערלערנט איינינע אייראפעאישע שפראכען צוזאמען מיט זיין חבר צבי שאפירא (דער באוואוסטער פראפעסאר הערמאן שאפירא, דער גרינדער פון נאציאנאל־פאנד), וועלכער איז שוין דאמאלסט אויך געווען א מטופל מיט ווייב און קינדער. זייער צוועק איז געווען צו פאהרען קיין אויסלאנד שטודירען, וואס שאפירא׳ן איז דאס געלונגען און איז טאקע שפעטער געווארען א באריהמטער פראפעסאר פון מאטעמאטיק, אבער שפ״ר איז ליידער געבליבען ביי זיינע מלמדות.

אין יאהר 1871 איז שפ״ר אריבער קייןווארשוי, און כאטש ער איז שוין דאמאלסט געווען מלא וגדוש אין חכמת ישראל און באריהמט דורך זיינע ליטעראַרישע און פובליציסטישע מאמרים אין „המגיד“, האט ער זיך צו קיין זאך, אויסער מלמדות ניט געקענט צושלאגען. ערשט אין יאהר 1877 איז איהם געלונגען זיך צו באפרייען פון קנעלען מיט קינדער, און באקומען א שטעל אין „הצפירה“ פאר א געהילפס־רעדאקטאר. אזוי ווי דער אייגענטליכער רעדאקטאר חיים זעליג סלאנימסקי, האט זיך נאר באשעפטיגט מיט די הימעלשע ענינים, מיט׳ן כוכבא דשביט, מיט שאלות אין חכמת הנדסה וכדומה, איז באמת שפ״ר געווען דער הויפט־רעדאקטאר. פאר די פיער יאהר צייט וואס ער האט די צייטונג רעדאקטירט האט ער ערצויגען א קרייז לעזער מיט א בעסערען געשמאק, וועלכע האבען אויפגעהערט נתפעל צו ווערען פון „ועל המדינות בו יאמר“, די חכמת הפאליטיקע פון „המגיד“. ביי מיר קומט אויס, אז דעם קרעדיט פאר׳ן אפשאפען די בטלנות און אריינברענגען א מאדערנע ריכטונג אין דער אידישער פרעסע, קומט אפשר מעהר שפ״ר׳ן ווי דר. קאנטאר, אדער דוד פרישמאן און נחום סאקאלאוו, ווייל ער האט דאס אויפגעטאן נאך מיט צעהן יאהר פריהער פאר זיי. דורך פארשידענע אומשטענדען איז ער געצוואונגען געווארען, אין יאהר 1881, ארויסצוטרעטען פון „הצפירה“, און דא פאנגט זיך אן א נייע עפאכע אין זיין לעבען, און צוואר אלס כלל־טהוער, וואס האט אנגעהאלטען א משך פון 25 יאהר. פאר דיעזער צייט איז דער קליינינקער, שטענדיג ברוגז׳ער אידעל, אויסגעוואקסען

א ריעז, געווארען א מעורב עם הבריות און געלייסטעט וואונדערבארע ארבייט, באזונדערס אין אנפאנג פון די אכציגער יאהרען.

באלד ווי עס האבען אין יאהר 1881 אויסגעבראכען די פאגראמען, האט שפ״ר תיכף פארלאזען ווארשוי און איז ארומגעפאהרען איבער די פאגראמירטע שטעדט, צו זאמלען מאטעריאל, אום דאס צו פארעפענטליכען אין די דייטשע, ענגלישע און פראנצויזישע צייטונגען, בכדי ארויסצורופען די עפענטליכע מיינונג צום פראטעסט געגען דאס פארווילדעטע רוסלאנד; אגב, צו ערוועקען רחמנות אין די הערצער פון די רייכע אידען צו העלפען אויפריכטען די חרוב׳ע שטעדט. אונטערדעסען זיינען, דורך נויט און שרעק, צוזאמענגעלאפען איבער צעהן טויזענד אידען אין בראד, מיט דער אבזיכט צו געהן קיין ארץ־ישראל אדער נאך אמעריקא. די פליכטלינגע האבען זיך געוואלגערט אין די בראדער גאסען און די עסטרייכישע רעגירונג האט געדראהעט זיי צוריקצושיקען קיין רוסלאנד. בעת די צייטונגען האבען נאך געהאלטען אין מיטען דיסקוטירען וואס מיט זיי צו טאן, איז שוין שפ״ר, צוזאמען מיט רבי שמואל מאהילעווער פערזענליך געקומען קיין בראד, געבראכט די ערשטע הילף און געהאלפען איינארדנען די עמיגראציע.

זיין פראקטישער חוש אין כלל־ארבייט האט זיך ארויסגעצייגט אויך אין דער חבת־ציון באוועגונג. בעת די מייסטע אידעאליסטען האבען זיך פארנומען מיט אקאדעמישע שאלות און מיט פוסטע פראזען, האט שפ״ר, באלד ווי ער איז אריין אין דער באוועגונג, זיך גענומען צו פראקטישע ארבייט. צעהנדליגער בריעף פלעגט ער טעגליך פאנאנדערשיקען אין פארשידענע שפראכען צו די רייכע און אינטעליגענטע אידען אין אלע ארבע כנפות הארץ, וועגען שטיצען די נייע קאלאניעס אין ארץ־ישראל. ער האט פיעל בייגעטראגען צו דער פארשפרייטונג פון דעם ציוניסטישען געדאנק איבער גאנץ פוילען, און אויף זיין איניציאטיווע זיינען פיעל אגודות געגרינדעט געווארען. ער האט אויך באגלייט רבי שמואל מאהילעווער אויף זיין רייזע קיין פאריז צום „נדיב הידוע“, און פאר׳ן ערפאלג קומט אויך שפ״ר׳ן א רעכט ביסעל קרעדיט.

אין יאהר 1885 האט זיך די אידישע וועלט געגרייט צו פייערען דעם הונדערט־יעהריגען געבורטסטאג פון משה מאנטעפיארע. שפ״ר האט דיזע געלעגענהייט אויסגענוצט פאר דער ציוניסטישער פראפאגאנדע, געשאפען אן ארגאניזאציע „מזכרת משה“ און אפגעדרוקט צעהנדליגע טויזענדער בילדער פון מאנטעפיארע, וועלכע זיינען צושיקט געווארען איבער דער גאנצער וועלט און האבען אריינגעבראכט א היבשע סומע אויף צו שטיצען די נייע קאלאניעס און אויף צו פארשפרייטען דעם רעיון אונטער די מאסען.

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0177-0352 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



אויף זיין אנרעגונג איז דאמאלסט צושטאנד געקומען דער ערשטער ציוניסטישער צוזאמענפאהר אין קאטאוויץ, וואו עס איז אוועקגעלעגט געווארען דער יסוד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. צוליעב די צוויי פארשידענארטיגע ריכטונגען אין ציוניזם — די פינסקער־ליליענבלומ׳שע און מאהילעווער־שפ״ר׳שע, — איז אויפ׳ן צוזאמענפאהר באשלאסען געווארען צו שאפען צוויי אונאפהענגיגע צענטערן, איינע אין אדעס און די צווייטע אין ווארשוי, וואו שפ״ר איז באשטימט געווארען פאר׳ן גענעראל־סעקרעטער. פאר די צוויי יאהר וואס שפ״ר האט געלייטעט דעם ווארשעווער צענטער, האט ער ארויסגעצייגט א מין ענערגיע, א געשיקטקייט אין ארגאניזאציאנס־ארבייט, אז אלע זיינען נשתומם געווארען, וואו דאס האט זיך גענומען ביי דעם אמאליגען מלמד מיט זיין שלימ׳מזל׳דיגען אויסזעהן. צום באדויערען האט זיך דער שטן ארייגעמישט, צווישען ווארשוי און אדעס האבען זיך אנגעפאנגען רייבונגען וועגען דער העגעמאניע. אדעס האט פראטעסטירט געגען דעם רעליגיעזען שטעמפעל, וואס רבי שמואל מאהילעווער און שפ״ר האבען ארויפגעלעגט אויפ׳ן ציוניזם, און דער סוף איז געוועזן, אז שפ״ר האט געמוזט רעזיגנירען און אדעס איז פארבליבען אלס איינציגער צענטער.

פארביטערט אויף זיינע חברים וואס האבען איהם פארלאזען, האט זיך שפ״ר ווידער גענומען צו ליטעראטור, ארויסגעגעבען דאס גרויסע יאהרבוך „כנסת ישראל“, די היסטארישע ביכער „מוצאי גולה“ און „על ציון ועל מקראיה“, די מאנאגראפיעס פון רי״ט ליפמאן צונץ, ר׳ זכריה פראנקעל און ר׳ יוסף רוסהיים, אלע געשריבען אין א וואונדערבאר־שעהנעם העברעאיש און באריייכערט די ליטעראטור מיט וויכטיגע היסטארישע הערות. אבער דער קרוין פון זיינע אלע שאפונגען איז דאך זיין „דברי ימי ישראל“ אין אכט חלקים, וואס לכתחילה האט ער געמיינט צו געבען א פשוט׳ע איבערזעצונג פון דער גרויסער היסטארישער אויסגאבע פון גרעץ, און אזוי האט ער זיך אויך געהאלטען אין ערשטען חלק, ביז צו דער תקופה פון די חכמי המשנה. אבער פון דער צייט אן און ווייטער האט שפ״ר אויפגעהערט צו זיין אן איבערזעצער, וועלכער מוז זיך האלטען אן טעקסט, און געשאפען רעכט פיעל אריגינעלעס, באזונדערס אין דער רוסישער און פוילישער תקופה, וועלכע גרעץ האט ניט אזוי גאנץ אביעקטיוו באשריבען. מייסטערהאפט איז אויך דער סטיל זיינער: די ביבלישע תקופה איז א לייכטען נביאים ראשונים סטיל, די תקופת התנאים והאמוראים אין א משנה סטיל און די תקופת ימי הבינים אין סטיל פון די חכמי צרפת ואשכנז. פערצעהן יאהר האט שפ״ר געארבייט אויף דאס ריעזענווערק, און אויב דער איצטיגער דור פארשטעהט עס נאך ניט ריכטיג

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0178-0353 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



אפשאצען, וועלען דאס בודאי די קומענדיגע דורות בעסער פארשטעהן. חוץ דעם האט ער נאך אנגעשריבען א גרויס היסטארישעס ווערק אין העברעאיש און אין רוסיש איבער „די געשיכטע פון אידען אין רוסלאנד אונטער דער ראמאנאוושער דינאסטיע“, אויף וועלכעס ער האט מעהרערע יאהר געארבייט, אבער איז לײדער געבליבען ניט געדרוקט.

מיין פערזענליכע באקאנטשאפט און פריינדשאפט מיט שפ״ר'ן האט זיך שוין אנגעפאנגען אין יאהר 1887, בעת דער מחלוקה מיט אדעס. שפ״ר האט זיך דאן געווענדעט צו מיר, אלס איינער פון די פיהרער פון דער ליבויער אגודה „חובבי ציון“, איינע פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע אגודות צו יענער צייט, דאס מיר זאלען אויסאיבען אונזער איינפלוס געגען דער אדעסער אויטאקראטיע, אבער לײדער קיין ערפאלג ניט געהאט.

אין די שפעטערע יאהרען האבען מיר זיך מעהרערע מאל באגעגענט, באזונדערס אין ציוניסטישע ארבייט. אין יאהר 1902 האבען מיר זיך צוזאמענגעטראפען אין מינסק אויפ'ן ציוניסטישען צוזאמענפאהר, וואו מיר זיינעןביידע געזעסען אין פרעזידיום פון „מזרחי“, און דאס לעצטע מאל האבען מיר זיך געטראפען אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס אין האמבורג, אין יאהר 1909. לײדער איז ער שוין דאמאלסט געווען אין גאנצען צוזאמענגעבראכען און כמעט בלינד, אז איך און ר' יצחק ניסענבוים האבען איהם שטענדיג געהאלטען נעבען אונז.

די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ער פארבראכט אין פראנקפורט אם מאין. שטיצע צום לעבען האט ער באקומען פון דער „אריענטאלישער געזעלשאפט“, פאר וועלכער ער האט געארבייט א ווערק אין דער דייטשער שפראך, איבער דער געשיכטע דער יודען אין רוסלאנד, אין 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז געבליבען ניט פארענדיגט.

געשטארבען ה' כסלו תרע״א. די פרומע געמיינדע „עדת ישראל“ אין בערלין האט זעהר געוואלט איהם ברענגען צו קבורה אין בערלין אויף זייער בית־עולם. די פאמיליע האט אבער ניט מסכים געווען.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0178-0354 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



# דר. יצחק ריל֒ף

געבאָרען אין העסען תקצ"א, געשטאָרבען אין באָן תרס"ב.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע און פּאָפּולערסטע אידישע פיהרער פון פאָריגען דור, איז בלי ספק געווען דער באוואוסטער דר. ריל֒ף, פון מעמעל, אָדער ווי דער אידישער המון פלעגט איהם רופען, „דאָקטאָר הילף". איך גלויב, אַז נאָך היינט געפינען זיך דאָ אין אמעריקא טויזענדער אידען פון ליטא און זאַמוט, וועלכע געדענקען נאָך גוט דעם דאָזיגען גרויסען פילאַנטראָפּ; בפרט די יעניגע, וועלכע, אַ דאַנק זיין הילף, זיינען אַהער אַריבערגעקומען, און ערינערן זיין נאָמען מיט גרויס אַכטונג און ווירדע. מען האָט נאָר געדאַרפט איינמאָל אין לעבען קומען אין באַריהרונג מיט אָט דעם מערקווירדיגען מענשען, מיט זיין שטענדיגען גוטמוטיגען שמייכעל, מיט זיינע טרוימערישע אויגען, פול מיט צער און רחמנות — און עס איז שוין ניט מעהר מעגליך געווען צו פאָרגעסען אָן איהם.

בכלל איז דר. ריל֒ף געווען, צוליעב די געגענזעצע פון זיין כאַראַקטער, צוליעב די סתירות אין זיין הנהגה, אַן אייביגער רעטעניש. שטעלט זיך פאָר: אַ מענש, זייענדיג אַ גרויסער, באַריהמטער פילאָזאָף, וואָס האָט אָנגעשריבען אַ סך פילאָזאָפישע ביכער איבער מעטאַפיזיק, וועלכע האָבען אַ קלאַסישען ווערטה — איז צו דערזעלבער צייט געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ טעגליכע דייטשע צייטונג, פון „מעמעלער דאַמפּפבאָאָט" און געשריבען קריטיקען איבער טהעאַטער און איבער ספּאָרט, איבער שטודענטישע הוליאַנקעס און איבער לאָקאַלע מאָרדגעשיכטען; געווען אַ דייטשער ראַבינער, אַ הונדערט־פּראָצענטיגער דייטשער פּאַטריאָט און ליעב געהאַט זיך צו חבר'ן מיט רוסישע און פּוילישע אידען; אָנגעשטעלט געווען אַלס פּרעדיגער אין אַ האַלברעפאָרמירטע דייטשע געמיינדע און זיך כל ימיו געפיהרט ווי אַן עכטער אָרטאָדאָקס; גע'פּסק'ענט שאלות און געשפּיעלט ביליארד און קראָקעט; מיטגעמאַכט אַ פּאַטריאָטישען סעדאַן־פּייער, מיטגעזונגען „די וואַכט אַם רהיין" און אַוועק פון דאָרטען צו אַ סיום אין אַ פּוילישען בית־המדרש, אָדער צו אַ התחלה ביי אַ „חיי אָדם" חברה; געזאַמעלט מיליאָנען מאַרק פאַר אָפּגעברענטע אידישע שטעדט, פאַר עמיגראַציע און פאַר אַנדערע וויכטיגע כלל־זאַכען — און זיך ניט אָפּגעשטעלט פון אַליין אַרומגעהן אויפקלייבען עטליכע מאַרק אויף